STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00740

DI BALADE FUN LITL-RAK

Dora Teitelboim

Permanent preservation of this book was made possible
by Sara Efron
in memory of
mother, Jennie Broche Ginsberg Nelson

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org


OLLIE HARRINGTON

דבֿורע טייטלבוים

די באַלאַדע פֿון ליטל-ראַק

הילע און שער־בילד פון אללי הערינגטאן

פאַריז 1959

ארויסגעגעבן דורך „פאריזער צייטשריפט"

פארענדיקט דרוקן אין מערץ 1959
אין דרוקעריי »וואג« 176 קעי דע זשעמאפ, פאריז
200 עקזעמפלארן געדרוקט באזונדער אויף פאפיר אפסעט «דאפין»
און נומערירט פון 1 ביז 200

DORA TEITELBOIM : LA BALLADE DE LITTLE-ROCK.

Supplément à la revue littéraire trimestrielle « Pariser Tsaïtchrift ».

Copyright by Dora Teitelboïm. 14, rue de Paradis, Paris (10e)
Tous droits réservés. — Printed in France.

Imprimerie « Vogue », 176, Quai de Jemmapes, Paris (10e)

דאָרע טייטלבוים / די באַלאַדע פֿון ליטל־ראַק

פאר שארל דאבזשינסקי

I

ס'האָט קנעכטשאַפט פון דרום די אויוונס פון צאָרן געהייצט,
מיט בראַנדזענע ווינטן די פונקען אין שטאָטן צעבלאָזן.
פון טרערן געשוואָלן, האָט די מיסיסיפי דאָס היימלאַנד פאַרפלייצט
און צייכן פון עבדות אויף שווען באַפרייטע געלאָזן.
דאָס פייפן פון באַנען געהיימע די רו פון די נעכט האָט צעשטערט
און פיבער אין הערצער צעצונדן אויפסניי.
ס'האָט לינקאָלנס קול זיך פון ניו־יאָרק ביז טעקסאַס דערהערט:
„אַ לאַנד קאָן נישט בלייבן האַלב שקלאַף און האַלב פריי!“

יונג געווען איז דאָס פאָלק און ניי דער קלאַנג פון מאָטאָרן.
אין טיפן דער שטאָל האָט געוועקט זיך מיט רויש פון פאַבריקן ביינאַנד.
ווי וואָלקנס פון טייכיקע טראָפּנס, אַ נעפּל פון מריט איז געוואָרן —
מיט בלוט אַוועק איז אַ דור, דעם שאַנד־פלעק פאַרוואַשן פון לאַנד.
געגאַנגען עם זיינען חילות, פון מזרח, פון מערב, פון צפון;
באַלויכטן פון תליה דזשאָן בראַון האָט די וועגן צום דרום.
פון הינטן דער שטויב איז געבליבן, דער צאָרן פאָרויס איז געלאָפן,
מיט בראַנדן די הויפן באַרעגנט, און פעלדער צעאַקערט מיט קברים.

געזיגט האָבן לינקאָלנס אַרמייען. געזיגט האָט מיט זיי אויך דער קנעכט,
מיט שאַרפן פון שווערדן זיי האָבן אויף אייביק פאַרשריבן:
„דער שקלאַף האָט אין שטאַטן אויף פרייהייט געווונען דאָס רעכט“!
דער זיגער אַהיים איז אַוועק; אויף פּלאַנטאַציעס דער האַר איז געבליבן,
און געוואָרן דער נעגער איז פריי
די הענט זיינע צווייַ צו פאַרקויפן
און קייטן צו טראָגן אויפסניי.

II

צעווישן הויכע וועלדער־ווענט און ברייטע אַספּאַלט־וועגן
פון שלאָף זיך וועקט שוין ליטל־ראַק מיט רעדער־רויש אויף בריקן,
די שטעטלעך שכנישע איר לויפן מיט מאָטאָרן־קלאַנג אַנטקעגן
און שיפלעך דאָרט מיט פישערלייט ביים אַרקענסאָ זיך וויגן.

עס עפנט איבער שטאָט זיך, ווי אַ שיפאַן־שירעם בלויער, דער באַגין
צוזאַמען מיט די וואַסערליליעס ווייסע אויפן טייך.
עס קייקלען געלע בלעטער זיך ווי קרעלן פון בורשטין
און די לופט מיט מייפל־זאַפט איז האָניקדיק און פייכט.

העל־גרויע נעפל־ווענט, ווי זעגלען אויסגעשפּרייט אין האַפנס,
און רויטע האַנקאָם־צוויטן שליאַכן שטאָטישע באַזוימען.
פון שטיבלעך הילצערנע, צעוואָרפענע ווי נעסטן ביי די סטאַוון,
שוין ציען רויכן זיך צעקרייזלטע פון קוימענס.

אויף פעלדער סאָיאַ־באָב, ווי כוואַליעס שוימיקע פון ווייט,
אויף רייז־פּלאַנטאַציעס, לאַנגע, אָפּגעצאַמטע מיט קאַנאַלן,
ווי טעפּיכער באַהאָפטענע מיט גרינע פעדים זייד,
שוין צינדן פורפור־רויט זיך אָן די ערשטע מאָרגן־שטראַלן.

אין שורות פליען פייגל אויבן מחנותווייז אַוועק,
און לאָזן הינטער זיך אַ טריבן, האַרבסטיקן געפלאַטער.
ביים אויסגוס טייכיקן ס'האָט נאָרוואָס זיך אַראָפּגעלאָזט צום ברעג
אַ סטאַיע ווילדע, ווייסע גענדז, פון פלי באַנאַכטיקן פאַרמאַטערט.

אויף געלבלעך ברוינע קאָרן־פעלדער, אָפּגעשאָרן גלאַט,
עס הויערן די קראָען שוין, ווי וואָלקנס נידעריקע, גרויע.
עס בילן מידע יאַגד־הינט ערגעץ הייזעריק און זאַט,
און עכאָס ענטפערן פון ווייט מיט שליימיקע געוויין.

אויף באַנוול־פעלד, מיט שטענגלעך שוין צעשפּאָלטן און פאַרדאַרט,
ווי וואָגשאָלן זיך אַקסלען רונדיקע באַוועגן.
אין הוט אַ שטרויענעם אַ נעגער לאַנגזאַמדיק זיך שאַרט,
און איילט זיך קנאָספּן לעצטע דאָרט צו ראַטעווען פון רעגנס.

אויף ערד צעאַקערטער, אויף ווייכע, בלוילעך־גרויע גרודעס
אַן אַלטע נעגערין אַ תּפֿילה מורמלט אויף די קני.
צום הימל אויפגעהויבן אירע אָרעמס האָט די מוטער
און ציט זיך ווי איר פּאַפּלער־בוים צום ראָזן אינדערפֿרי.

אַ סטאַיע גרעלע העלדזעלעך אַ קוסט מיט מאַלינעס באַפּאַלן,
און שווישטשען אומרואיק ווי באַנען אין די בערג,
עס שלעפּן פּאַרמערס די חזירים שוין געבונדענע אין שטאַלן,
און לאַסטוואָגנס צעפּירן שוין די גרינסן אויף די מערק.

עס וועקן ערשטע זיך פון שלאָף די אָרעמע קוואַרטאַלן,
און ס'לעשן זיך לאַמטערנעס מיט די ניאָן־שילדן אויס.
פון דינעם נעפּל־קנויל, פון ווייכע, מערלענע וואַלן
זיך שיילט אַ יונגע שוין, אַ נאַקעטע די זון אַרויס.

III

די נאַכט פון צווייטן סעפּטעמבער, —
אַ קראַנקע, געלויערטע חיה,
מיט אויגן באַוואַקסענע, טעמפּע,
שאַרפט זיך שטיל און פּאַרטאַיעט
צו טירן פאַרמאַכטע פון שטיבער,
צו פענצטער פאַרקלאַפּטע מיט לאָדנס,
אין גאַסן צעוויגטע מיט פיבער,
דורך לאַנגע צעהויערטע שאָטנס.

הימלאָזע זיינען היינט הימען.
קיינער עס וואַגט היינט צו שלאָפן.
די נעכטיקע שנאה געהיימע
היינט נאַקעט איז, חוצפּהדיק, אָפן.
זי היט און באַוואַכט אַלע שוועלן,
זי שטייט מיט געווער אויף פּאַטרול,
און וואָרנט, אַז קיינער זאָל פעלן
מאָרגן ביים טויער פון סקול.

מיט שכנישע דערפער און שטעטלעך
עס ריידן זיך איבער שאָסייען.
אויף ראָגן פון מעין סטריט אין רעדלעך
פאַרשוינען, פאַרגליווערטע שטייען;
לייבער ווי שווערדן אין שיידן,
פנימער — קאַלטער מעטאַל,
איינער אַנטקעגן דעם צווייטן,
ווי לעמפערטן גרייט צום באַפאַל.

פון טונקעלע, שווייסיקע שענקען
עס פלייצן צעקרימטע געשטאַלטן,
אין הויזן, ווי בלעכענע, ענגע
פאַנצערס פון שלאַכטלייט אוראַלטע,
מיט פוילקייט פון אָסיען־פאַרטאָגן
זיי ראַנגלען זיך ערגעץ צו גיין,
און רופן זיך איבער אויף ראָגן
מיט זייטיקן שפיי דורך די ציין.

אין סקול־הויף, אַנטקעגן די פענצטער,
אַ צלם, אַ ריזיקער פלאַמט.

אַ וואַנט מיט פײַער־געשפּענסטער
די שליאַכן צום טויער פֿאַרצאַמט.
אַ מחנה צעוויגט און צעאײַטערט
מיט קללות די שטילקייט צעדרעשט.
די נאַכט איצט אַליין איז אַ שײַטער,
וואָס קיינער נישט, קיינער פֿאַרלעשט.

עס דרייט זיך אַ ווינטל אין קראַמפּן
און בלעטער אויף דר׳ערד זיך צעליינן.
עס גרעפּצן די געסלעך מיט בראַנפֿן,
עס טרעשטשען מיט דזשאַז די אַפּטייקן
און ערגעץ סיגנאַלן צעשיקן.
אין גאָרטן אויף בוים אַ פֿאַרדאַרטן
פֿעטליעס צוויי גראַבע זיך וויגן,
ווי זיי וואָלטן אויף ווּעמען דאָרט וואַרטן.

אין צעקאָרטשעטע שמאָלע קוואַרטאַלן
עס שטייען די ציפּרעסן נאַקעט,
מיט בלעטער, ווי שאַרפֿע קינזשאַלן
פֿון זעלנער שוין גרייט צו אַטאַקע.

און ווערבעס מיט מאָכיקע קרויזן,
ווי יונגע אלמנות מיט ניגון
צעשראָקענע קינדער אין שויסן,
די נאַכטיקע אומעט פאַרוויגן.

ס׳קריכט שוין אויף בערג דער באַגינען
און ס׳שלייכן נאָך אַלץ סילועטן.
ווו יאָגן זיך איצט לימוזינען
מיט שילדן פון ווייסע סקעלעטן?

— — — — — — — — —

די נאַכט איז אַ שיף מיט פינצטערע פאַנען,
די שטאָט — אַ באַפאַלענער פּאָרט.
היינט שלאָפן אין שטיין נאָר איקאָנעס,
און ס׳רוט נאָר אין קירכע דער לאָרד.

IV

עס בליצן די שויבן אין הויז פון סענאַטאָר ראַלף קאַטן.
דאָס געסל פאַרפלייצט מיט צעפינקלטע, נייע מאַשינען;
פון סוחרימלעך קליינע ביז גרויסע מאַגנאַטן
אין הויז זיך ביי אים היינט געפינען.
ביים באַר אינעם בלוילעכן רויכיקן נעפל — די מענער
חניפה׳דיק קוקן אין אויגן פון גוווערנאָר מאַבום אַריין,
און מיט געלעכטער, אַ ברוסטיקן, הויכן
באַגריסן פון קאַנסיל די פלענער
אַנטקעגן די קינדער, די נעגערשע, ניין.

עס קנאַלן פון פלעשער די קאָרקן,
עס ווינקן זיך איבער ציגאַרן,
און ס׳טאַנצן שוין בילדער פון מאָרגן
אַצינד אין די אויגן פון האַרן.
אַ הייסער, אַ פורפורנער פיבער,
ווי אַ שלאַנג, אַ באַהאַלטענע, קריכט
פון איינעם צום צווייטן אַריבער
און זעצט זיך אויף יעדן געזיכט.

ביים וואַנט פון קאַמין, מיט ביקסן באַהאַנגען,
אויפגעשטעלט האָט זיך אין העמד, דעם צעשפּיליעטן, בונטן,
דער הויכער, צעוואַקסענער קאַטן.
צו עמעצן אין זאַל געטאָן האָט ער אַ ווונק,
די ברעמען ווילד־צעשויבערטע אויף שטערן אַ פאַרצי,
דאָס גלעזל אויסגעליידיקט מיט איין שלונג,
שטרענג און זיכער צו דעם עולם זיך געווענדט,
מיושבדיק, ווי טראָפּנס, ציילנדיק איעדן וואָרט:

דזשענטלמען! דזשענטלמען!
ס'האָט מעווערס און קראָען באַשאַפן דער לאָרד
און האַלטן באַזונדער געמיינט זיי,
די שפּרייטער פון גאַטלאַזן וואָרט —
ס'וואָלט דעיווים און לי היינט פאַרשטיינט זיי.
ווער די גלייכהייט פון ראַסן אונדז לערנט,
די קערנער אונז ברענגט פון רויטן קאַשמאַר,
דעם כאַאָס פאַרזייט
פון קריג און ווירוואַר.
דעם שטייגער פון דרום מיר האָבן פון העלדישע זיידעס געירשנט,
דורך דורות פאַרהיט אים.
צעשטערן ס'וועט קיינער שוין ניט אים!

דער שוואַרצער המון
זיין לעבן האָט פרידלעך, באַזונדער געשטאַלטיקט,
זיין אָרט ס'האָט יעטוועדער נעגער געוווסט שוין.
סדר און שלווה געהערשט האָט דורך דורות אין דרום,
בירגער מיר זיינען מיט אַלעמען גלייך אין די שטאַטן,
און אַכטן פון לאַנד די געזעצן,
נאָר ווען אונזער רעכט זיי פאַרראַטן,
דאַן מעג מען מיט רעכט זיי פאַרלעצן!

ס'איז אומעטום פרידלעך דערווייל נאָך און שטיל,
ווו בלוט אונטער הויטן, די ווייסע, נאָר פליסט,
לואיסוויל וואַרט און שענדלאָר און נעשוויל,
ווייל ליטל־ראָקס גורל אויך זייערם באַשליסט.

מיר וועלן ביז אָטעם דעם לעצטן פון מבול דעם שוואַרצן זיך שיצן!
בעסער די שולן פאַרשליסן!
מיר ווייסן, צו וואָס דאָס קאָן פירן,
ווען אונדזערע מיידלעך מיט זיי אויף די זעלביקע בענק וועלן זיצן.
מיין אייגענע טאָכטער כ'וועל גיכער דערשיסן,
איידער דער „ניגער“ איר לייב זאָל באַרירן!

ברומענדיק דערבײ
געטאָן אַ שפּײ,
פון האַנט אַראָפּגעלאָזט דעם כּוס,
און אויסגעמישט האָט זיך דער בראַזג צעשפּליטערטער פון גלאָז
מיט ווילדן, אויסגעבראָכענעם אַפּלאָז.

און אומגעקערט האָט קאַטן זיך צום באַר
ווי אַ העלד פון שלאַכטפעלד נאָך אַ זיג,
אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלײצע מיסטער סליק
אַ סוד אַרײַנגערוימט אין אויער מיסטער בארטן דעם באַנקיר
און מיט אויגן געלבלעכע, צעשווימיקטע ווי ביר,
געטאָן איבערן זאַל אַ פּיר.

פון קולואַר, ווי פון אַ נעפּל, רויטלעכן, געדיכטן,
אַרויסגערוקט האָט זיך פּאַל וויטיקער, דער ריכטער:

בירגער,
די הויט אַ ווײַסע אויך בײַ מיר,
קאָן איך אַנדערש טראַכטן דען ווי איר?

פאַרהוסט דערבײַ זיך האָט דער זקן,
מיט האַנט פאַרדעקט זיך דאָס געזיכט,
אָפּגעאָטעמט טיף,
און ווי ביים משפט אין געריכט
פּייערלעך און קיל
די ווערטער אויסגעצויגן :

בירגער,
געזעץ איז געזעץ.
נאָר שיסן קאָן דאָך נישט אַליין די קויל.
ס'איז דאָך געווענדט,
אין וועמענס הענט געפינט זיך דער פּיסטויל.

נו, און אויב די „ניגערס" יאָרן שוין דאָ שטימען קאָנען,
וויפל וואָגן זייער רעכט דערויף צו מאָנען ?
בירגער, די פעלקער קאָלירטע אין אַפריקע, אַזיע
צו אייגענער הערשאַפט זיך רייסן,
צי קאָן מען דאָס פּנים דאָס אַלטע זיי ווייזן ?

מיר זיינען אַ וועלט דאָך אַ גאַנצע צו פירן דערוויילט.
קענגן שונא דעם גרעסטן
מיר שטייען אַצינד אין פאַרמעסטן,
און ס׳איז נישט קיין צייט איצט צו בלייבן צעטיילט.

געשוויגן ס׳האָט אַ ווייל דער ריכטער,
די ליפּן די צעקאָרטשעטע באַנעצט
און סאָפּענדיק, פּאַמעלעך זיך אין שטול אַריינגעזעצט.

ווי ווינטן אין שטרויענע דעכער
אַ געפּליסטער אין זאַל האָט צעוויגט זיך
העכער, אַלץ העכער און העכער,
ווי גאַליק מען וואָלט שוין געקריגט זיך:

אַ שאַנד, אַ שפּאָט!

געזעצט אין טיש האָט מיסטער קלאָד:

מיר האָבן וואָפן דאָך, מיליץ, אַ קלען
און שיסן אַלץ מיט רייד,
ווען דער „ניגער“ נאָר די שפּראַך פון פויסט פאַרשטייט!

פאַרזיכטיק אויף שטול אַרויפגעקראָכן איז דער דאָקטער,
מיט הענט־געפּאַך ווי פליגל איבער קעפּ,
צוויי, דריי מאָל שוין אָנגעפאַנגען,
נאָר זיין שטים צו קיינעם איז דערגאַנגען,
ביז מיט אַ פלאַש האָט ווער אין באַר געטאָן אַ קנאַל,
און אַנטשוויגן יעדער איינער איז אין זאַל:

קינדער, הערט,
די אַלטע אויגן מיינע און די ווייסע האָר
אַנטקעגן גייען שוין דעם אַכטן צענדליק יאָר,
פון נעכטן ווייט אַזוי, צוזאַמען, דאַכט זיך, שוין אַוועק,
און איך קוק אַצינד און פרעג,
וואָס איז פון אונדז געוואָרן ?
פון וואַנען קומט אַהער אַזאַ מין פּעסט,
וואָס טעמפּ מאַכט דעם פאַרשטאַנד,
דאָס טייערסטע אין הערצער אונדזערע צעפרעסט,
אַ גיפט אַזאַ פאַרזייט,
און ברענגט אַרויס אַזעלכע רשעותדיקע רייד ?
ביים טאָוול אינעם סקווער געשטאַנען בין איך היינט,
די נעגער אין דעם קריג געפאַלענע געציילט,

און האָב געטראַכט:
צי האָט נאָך אַלץ דער נעגער־פּאָטער נישט פּאַרדינט,
מיט ווייסע גלייך זיך לערנען זאָל זיין קינד?
איז בלוט פון פרייהייט נאָר דער פּרייז,
ווען ס'איז די הויט ביי העלדן ווייס?

אַנטשוויגן איז דער אַלטער בלייכער דאָקטער,
וואָס האָט דעם דריטן דור אין שטעטל שוין געהיילט,
די ברילן אָנגעטאָן, פון הויז אַרוים,
און הינטער זיך געלאָזן אַלעמען צעפּיבערט און צעטיילט.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

אין צימער אין צווייטן אויף פּאַרביקע שטולן
זיצן די דאַמען פון שטעטל,
מיט ביינערנע נאָדלען, מיט וואָלענע שפּולן,
זיי שטריקן אַרום אין אַ רעדל.
געניטע זיך יאָגן די פינגער אין פלינקן געיעג
און ס'מעסטן די אויגן איינע אויף צווייטער דעם צירונג־פּאַרמעג.
לייבער געשטייפטע, זאָרגפול געפלעגט,

זקנות מיט יונגע, שלאַנקע פיגורן.
די ווייכקייט פון קאַשמיר אויף גלידער פאַרדעקט
די האַרבקייט פון צייט און פון עלטער די שפּורן.

אַ קולות־געמיש,
אַ ווערטער־געפּלייץ,
געווירבל פון קלאַנגען און טענער.
זיי ריידן פון הייזער, מאַשינען און מענער,
פון קאָרטן, פון הינט, טואַלעטן
און גט׳ן.

עס דערציילט מיט אויפגעבראַוזטן צאָרן מיסעס ווילינג.
זי איז נאָך קליידער
לעצטן פרילינג
קיין ניו־יאָרק שוין נישט געפאָרן.
עס לאָזט די שנאה צו דעם צפון,
דורך די נעכט איר מער נישט שלאָפן:

הערט די חוצפה, הערט נאָר, הערט!
(רויטלעך־בלוי דערבייַ איר פנים ווערט)

דעמאָקראַטיע אונדז די יענקים לערנען ווילן!
הערט, ווער ס'רעדט פון פרייהייט
און געפילן!
אין שולן זייערע הערשט הפקר פון וואַנדאַלן,
עס היט די לערער פּאָליציי,
„גענג" מיט מעסער
נישט באַפאַלן זאָלן זיי.
די קינדער אין די קלאַסן איינצושטילן,
גרייט מען זיך שוין געבן דאָרטן פּילן.
אין געטאָס קוויטיקע די נעגערס האַלטן זיי פאַרשפּאַרט,
זאָל ווער פון דאָרט אַרויס
אַהין, וווּ נעגער ס'איז פאַרבאָטן,
צינדן ווייסע אָן זיין הויז,
פלאַקערן פּאָגראָמען און ראַיאָטן.
וווּ האָט געברענט די שנאה נאָך אַזוי
ווי אין אָהאַיאָ, מישיגען און אילינאָי?
און מיר —
פרידלעך באַלד שוין אַ יאָרהונדערט
מיט נעגער לעבן זיך אין איינעם,
נאָר אין קירך,
אין שול

ווײל יעדער גײן באַזונדער,
און קײן עצות,
מיר באַדאַרפֿן נישט פֿון קײנעם!

און ס׳הערן די דאַמען אין זײדענע שטולן
צערודערט אַרום אין אַ ראָד,
און ס׳טאַנצן די פֿינגער, בײנאַנד מיט די שפּולן,
אין מיטן אַ קראַנקער, צעפּיבערטער שטאָט.

V

אין ספּאָרטזאַל מיט מעסערלעך שאַרפֿע,
די יוגנט אויף מאָרגן זיך גרייטן.
זיי דאַרפֿן קיין רעדעס, קיין פּלענער זיי דאַרפֿן,
די פֿיס נאָר צו דילן איצט ריידן.

אין קאַלטן ליכט־געפֿליי,
אויף בליאַסק פֿון ווייסמעש־אַבאַזשורן,
אויף ווענט, אויף נידעריקע פּוסטע,
שפּרינגען שאָטנס פֿון צעבויגענע פֿיגורן.

דאַכט זיך, אייזן טאַנצט מיט שטאָל
צו דעם טאַקט פֿון ראָק־און־ראָל:

שער און צוואַנג
האַמער־שטאַנג
טשוואַק און שרויף
אין געלויף

ברעמען
העלדזער
לענדן
קני
אין ווילדן וואַנזיניקן פלי
אַקסלען הענט
אין געפּענט
פערדן־צאָפּ
אין גאַלאָפּ
פּיס אַרויף
קאָפּ אַראָפּ
אויגן דול
בליקן בליי
קיי די גומע, קיי!
כראָמשטשע, שפּיי!
שטשירע ציין!
שפּרינג אַרויס פון זיך אַליין!

מיט בלינדע נעכט, טויבע טעג,
טשאַד און רויכן אין געיעג.

יינגל מיידל
פלי אַוועק
פון דיין לעבן דאָס פאַרשטומטע
און דיין יוגנט די צעברומטע
שלעפּ אַרונטער און פאַרקנס
צו דעם מדבר־ווינט פון דזשאַז!

אַלע דרייט זיך, אַלע וויגט זיך, אַלע, אַלע ראָק־און־ראָל,
היין און קריק הויבט די לענדן, אַלע, אַלע מיט אַ מאָל!

אַ קאַלטער פייערווערק־בלענד,
אַ נאַקעטער דזשונגל־געוווי,
אַ געשריי פון מאַן און פרוי,
אַ לייבער־קאַנוולסיע,
אַ הפקר־עקסטאַז,
אַ גלידער־רעוואָלט צום ריטם פון דזשאַז.

אַלע, אַלע ראָק־און־ראָל,
אַלע, אַלע נאָך אַ מאָל!

ווער דאַרף האָבן איצט די זון,
אַז דו ברענסט מיר ווי משוהון.
איך וועל קומען האַלב נאָך פיר,
האַלט דיין שיסל היים פאַר מיר!
ביסט מיין האָניק, ביסט מיין שמאַנט.
ביסט מיין שענסטער אַרעסטאַנט,
עפן, בייבי, אויף דיין טאַש,
איך וועל זויגן פון דיין פלאַש!
בילי, באַלי, בילי, באָל,
אַלע, אַלע, ראָק-און-ראָל!

פאַרשטומט מיט אַ מאָל איז די פּליטע,
אַ פרעמדקייט אין זאַל זיך פאַרציט.
ווי אָקסן דולע פאַר שחיטה
זיי שטייען אין גליווער געשמידט.

ווי פליגל פון ליידיקע מילן
נאָך לאַנגן צעברויזטן געדריי,
די אָרעמס זיך ציען צו דילן,
און ס'קאַפּעט די עלנט פון זיי.

VI

דאָס הויז פון רעוורענד בענדזשימען פלין
ווי אַ פעסטונג היינט איז באַוואַכט.
אַרום ווי אַ גראָבע, גיפטיקע שפין
עס קריכט אין געלויער די נאַכט,
און מיט פייער־צלמים די געטאָ באַשפּייט.
נאָר שטיל איז אין קראָס־סטריט און טונקל.
ווענט און פלויטן פאַרשריבן מיט קרייד:
„ניגער, צוריק גיי אין דזשונגל!"

עס שאַרן זיך טריט פאַרטאַיעט אין הויף,
עס גריסן זיך יונגע און עלטערע שכנים.
מען קומט זיך אַהער־צו היינט אַלע צונויף
די ענטפערס צו זוכן אין איינעם.
געפּאַקט און היים איז אין שטיבל;
די פענצטער פאַרשפּאַרט מיט אייזערנע קראַטעס;
ביים טיש דער רעוורענד, אין האַנט די ביבל,
אַרום אים די קינדער, די מאַמעס, די טאַטעס.

אויף דער וואַנט פרעדריק דאָגלאַס מיט בליק זיין צעברוויזטן,
אונטן אַ סאָפע, אַן אַלטע, מיט הירשן צעריבענע, בלייכע,
און מוטערס אויף איר מיט ווּפּעלעך קליינע אין שויסן,
ווי פייגעלעך יונגע אין נעסטן פאַרטוליעטע, ווייכע.

דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, ווי פאַרזונקען אין שלאָף,
דער שערקראַפּער זיצט דאָרט, פאַרנורעט ביים שוועל,
ווי אַן אַלטע צעשויבערטע שאָף,
ביינאַנד מיטן ווייב, זיין דזשענעפער בעל.

אויפן בענקל אַ ווייכן — בילי דער שענקער
מיט ריחות פון בראָנפן און דזשין.
פון גרייצערס אַ בינטל ביים פּאַסיק אים הענגען;
אָרום — ווי צעוואַקסענע דעמבעס — די זין.

געקומען היינט זיינען דער קרעמער, דער לערער, דער דאָקטער,
דער סוחר אפילו, וואָס שטייט דאָ ביים טאַטן צוגאַסט,
וואָס תמיד זיין הויט, ווי אַ שטראָף אויף זיך טראָגט ער
און שווערער נאָך ווערט אים אין דרום די לאַסט.

ווי קינדער צוריק פון אַ לאַנגן געוואַנדער,
זיי זיצן פון גורל געשמידט צו אייגאַנדער.
ווו איז די וואַנט, וואָס האָט נעכטן צעטיילט זיי ?
ווער האָט די ווונדן היינט פלוצים פאַרהיילט זיי ?

ווי פּאַרע פון וואַרעמע קאָרענע ברויטן,
אַן אָטעם אַ הייסער פון פּנימער שפּאַרט.
עס פינקלט דער שוויים אויף די בראָנדזענע הויטן,
אַ נעפּל פון פּנים צו פּנים זיך שאַרט.

דאַכט זיך, דאָס הויז איז אַ באַן איצט מיט שקלאַפן,
וואָס טראָגן אויף לייב נאָך פון בייטשן דעם צייכן,
און זוכן אין ווייטן נאָך ערגעץ אַ האַפן,
נישט קאָנען געפאַר זאָל דערגרייכן.

אין רעקל דעם שוואַרצן בענדזשימען פלין
מיט דער נאַכט ווי אַ זעגלשיף וויגט זיך אין שטיבל.
זיין קול, ווי פון הייל, אַזוי ווייט, אַזוי דין,
דאַכט זיך, עס רעדט איצט אַליין שוין די ביבל:

און געהאַט האָט פּרעה חילות און גאָלד,
לענדער, וואָס האָבן אים צינזן געצאָלט,
און מעכטיק געהילכט האָט זיין שטים;
נאָר דער לאָרד נישט געווען איז מיט אים,
און ס'האָט נישט דער האַר פון אַלטן מצרים
מיט גאַנצער ממשלה און גאַנצן כלי־זין
דאָס קול געקאָנט פון יושר דערשטיקן,
דעם בונט פון פאַראייניקטע שקלאַפן באַזיגן.

און די דרשה, די פּאָרכטיקע שטילע
עס ענדיקט דער רעוורענד פלין מיט אַ תפילה:

אָ, פאָטער אין הימל,
באַשאַפער פון אַלץ אויף דער וועלט,
רחמים אין הערצער, ווי טוי אויף די פעלדער, פאַרזייסט.
אונדזער געבעט הער אויס,
און פאַרנעם.
פון מיילער ווי שווערדן,
פון פינגער, באַוואַקסן מיט זינד,

דיינע קינדער באַשיץ
און באַשירעם אַצינד.
אַ, מעכטיקער פאָטער,
דעם מענטשנס געשטאַלט נישט פאַרשעם!
די זינדער
פאַרגעבן
אונדז לערן,
מיר זאָלן אַליין
קיין רשעים פון רשעות נישט ווערן.

נאָר פלוצים פון קיינעם דערוואַרט
ס'האָט בעני דער שלאָסער צום טיש זיך דערשפאַרט:

רעווערענד פלין,
מיט ליבע צו זיי זאָל מען גיין?
וואָס האָבן דעם פערצניאָריקן טיל
פאַר אַ פייף נאָר געטויט,
דעם רעווערענד קאָלען אויף טרעף פונעם קלויסטער
באַגאָסן מיט נאַפט און פאַרברענט,

אין אַלאַבאַמאַ דעם יונגן דזשאָן בוירט
נאָך נעכטן קאַסטרירט.
און ווילסט נאָך,
מיר זאָלן איצט פריינטשאַפט באַווייזן
צו מענטשן מיט הערצער פון אייזן?

זיי האָבן אויף שיפן געשלעפּט אונדז געבונדן אַהער,
ווי שאָף אויף די מערק
צום פאַרקויפן געפירט.
פון חושך ביז חושך דעם באַנוול
מיר האָבן אויף פעלדער געשאָרן.
פון בייטשן צעבויגן,
מיר האָבן די הימלען מיט תפילות גענערט, —
האָט ווער זיי געהערט?

הייזער מיר האָבן געבויט.
אַליין דאָרטן קיין מאָל צו וווינען.
ביימער און פּאַרקן געפלאַנצט,
אַליין נישט צו זיצן אין שאָטן.
אַרבעט די שווערסטע, און קלענסטע די לוינען.

דורך דורות מיר ווערן געדריקט
און צעטראָטן.
דיין ליבע אונדז, רעווערענד, וואָס טויג?
ווען צייט ס'איז צו מאָנען אַ צאָן פאַר אַ צאָן,
און אויג פאַר אַן אויג.
איז משה מיט תפילות געגאַנגען צו פרעהן?
האָט ער נישט קיין טויט,
קיין מגפות געבראַכט צו די האָרן?
עס האָבן קיין תפילות נאָך קיין מאָל
אַ פאָלק נישט באַפרייט!
ס'איז קעמפן אַצינד נאָר
מיט גבורה אַ צייט.
פון אָרעמס מיליאָנען, ווי משה,
מיר דאַרפן אַ שטעקן,
וואָס קאָנען זאָל וווּנדער באַווייזן
און מענטשלעכע ווירדע דערוועקן!

אנטשוויגן איז בען,
אויגן אין ווייטן פאַרקוקט,
ווי בילדער פון גרויליקע נעכטנס ער וואָלט נאָך געזען.

ווי בלעטער־געפליעסק אויף דיביימער פון פארק
פון פייגל דערוועקט אין פאַרטאָגן,
עס האָט זיך אַ מורמלען פון איינעם צום צווייטן געטראָגן.
און ווידער געוואָרן איז שטיל.

דערהערט האָט דאָס קול זיך
פון טראַק־טרייבער ביל:

ברידער,
אַ זעלנער אין קריג געווען איז בען,
מיט ביקס געווינט צו גיין אין שלאַכט,
און פאַרגעסט: אין דער אַרמיי
ער איז נישט מער,
און די מאַכט
און דאָס געווער איז היינט ביי זיי.
איז דער וועג צו פרייהייט ענג אַזוי און שמאָל,
און פון פריינט צו גרוים געוואָרן שוין די צאָל,
אַליין פאַרמאַכן זאָלן מיר
פאַר ברידער אייגענע די טיר?

ווי שטאַרק, ווי גרויס
קאָן זיין די פויסט
ביי דעם,
וואָס זיך אַליין די הענט צעשניידט ?

האָט אויגן אונדזערע דער האַס אַזוי פאַרהילט,
אַז זיין אַיעדער ווייסער זאָל פון רשעות נאָר אַ שילד ?
קאָן גלויבן ווער, אין קאַמף געפורעמט און דערפאַרן,
אַז שטענדיק אונטער ווייסער הויט
דאָס האַרץ מוז זיין פון האַרן ?
איז קיין ווייסער נישט געווען אונדזער מאַיק ?
האָט נישט גערויטלט זיך פון בלוט זיינעם די ערד,
ווען ער דער ערשטער איז געפאַלן אינעם שטרייק ?
איז וואָרנען נישט געקומען האַלבע נאַכט
אונדז בעסי גרענד,
ווען ס'האָט צום רעוורענד
זיך מיט טויט געיאָגט דער קלען ?
און לינקאָלן ?
דזשאָן בראַון ?
און צענדליקער, און טויזנטער

אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד,
וואָס גייען דורך די שטורעמס און דורך פייערן,
מיט אונדז ביינאַנד?
נישט ווייס,
נישט שוואַרץ,
דאָס פייער איז אין האַרץ.
עס טראָגט די פרייהייט נישט פון הויטן דעם קאָליר.
ווער עס וויל נאָר, שטעלט זיך אין פאָר איר.

מיט הענט אַראָפּגעלאָזט און שווערע, לאַנגע טריט
אומגעקערט האָט זיך צום בענקל זיינעם ביל,
און סעמי סמיט און אַרנאָלד בריל,
און פּאָל מעקלוי און לאָרענץ טשאַק,
גערעדט נאָך האָבן ביזן קילן, בלווילעכן פאַרטאָג.

געדרימלט האָבן מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שויסן,
און קיינער האָט באַמערקט, ווי דאָרט אין דרויסן
ס'האָט ווער אין טייך אַריינגעוואָרפן די לבנה אין אַ זאַק,
און מיט אויגן שלאָפלאָזע, צעשויבערטע, געלאָזן ליטל־ראָק.

VII

צופוסנם פון שטעטל,ביים ראַנד פון שאָסיי,
אין נעגער־קוואַרטאַלן די הילצערנע כאַטקעס אין רייען,
ווי קאַראַוואַנען פון קעמלען נאָך מדבר־זאַוויי
אין זאַמד אויף די קני, מיט יאָרן באַלאַדענע שטייען.

די נאַכט אַרום — אַ ווייכע, האָריקע פעל
און ווי הערנער אויף איר די קוימענס פון שטיבער.
אַ שילד אויף אַ דאַך, אַ צעבליצטע פון „שעלל",
ווינקט מיט אַ „קרייסלער"־רעקלאַמע זיך איבער.

אויף עוועניו בי, אַנטקעגן דעם הויף מיט די קאַר־אינוואַלידן,
ווי אַ בית־עולם אַן אַלטער מיט מאַנסטער־סקעלעטן,
צעווישן צוויי ביימער — אַ שטיבל אַן אַלטינקס אין מיטן,
און צווייגן צעשפּרייטע, ווי קינדער אַ מאַמען, עס גלעטן.

אין כאַטקע די נאַכט ווי אַ סאָווע איןביימער זיך וויגט,
די חשכות מיט נאַפט־לעמפּל קליינעם צעצונדן.
אויף פּלייצעס פון שטולן — אַ ברעט אַ פאַרוויקלטע ליגט
און צום פּרעסן געוועש אין אַ קוישל אַ רונדן.

ביים וואַנט, וואָס אויף צווייען דאָס שטיבל צעטיילט,
אַ בעטל אַן אייזנס זיך טוליעט צום שאַנק,
די סטעליע, פון רעגן צעווייקט און צעשיילט,
זיך שפּיגלט אין עמער דעם פולן אין קיך אויף אַ באַנק.

מיט צייטונגען אַלטע די ווענטלעך באַצויגן,
די שורות פאַרגעלטע, די פּנימער לאַנג שוין פאַרגעסן
נאָך קוקן אַרונטער פון דאָרט מיט די אויגן
ווי היטער פון נעכטיקע, טויטע מעת־לעתן.

דאָס אייזערנע פּרעסל זיך היצט אויפן אויוון,
און דער וועקזייגער ציילט אַזוי גייציק און קאַרג.
די ווייזערס אין קרייז אין פאַרבישופטן לויפן,
ווי הענדלער פאַרסאַפּעטע צוויי אויף אַ מאַרק.

אין קיכל עס וואַכט נאָך די לענגסטן־אַלמנה,
און ס'צאַנקט נאָך דאָס לעמפּל אין געסל אַריין.
ביים פענצטער עס שאַרט זיך אַ רויטלעכע, רונדע לבנה
און הערט זיך צום ניגון דער נעגערינס איין.

די אויגן דער מאַמעס זיך שליסן פון מידקייט שוין צו,
נאָר די אַרבעט זי לייגט נאָך פון האַנט נישט אַוועק.
די קליידער אויף מאָרגן זי פּרעסט פאַר איר סו
און זינגט אין דער שטיל צו פאַרטרייבן די שרעק:

אַ — אַ — אַ, איך הער, ווי עס רופט מיך דער קוואַל,
אַהין צו די בערג אין פאַרטאָגן.
ווען איך טו פון מידקייט אַ פאַל,
ווען איך קאָן שוין מער נישט פאַרטראָגן,
וואַשן מיין בלוט וועל איך דאָרט
און גיין אויף די כוואַליעס צום לאָרד!

צום מאַן אויף דער וואַנט אין קליידער סאָלדאַטסקע פאַרהילט,
מיט בליקן לעצטע אין שלאַכט ביי סעאול,

די אויגן זי ווענדט, ווי גערופן זי וואָלט אים פון בילד,
די טאָכטער מאָרגן צו פירן אין סקול.

בילדער פון נעכטן ווי פעדים זיך ציען פון שפּולן,
געשפּענסטער די טירן צעשפּאַרן פון שטוב.
עס ציטערט דער פּרעס, דאָס ברעט אויף די שטולן,
ווי דניאל, אָט ליגט זי מיט לייבן אין גרוב:

אָ — אָ — אָ,
דאָרט אין הימל שטייט מײַן קרוג
און וויפל איך טרינק, איז אַלץ נישט גענוג,
אַלץ נישט גענוג,
אַלץ נישט גענוג...
אָ, לאָרד, לאָרד, לאָרד!

— — — — — — — — — — — —

אָן איינזאַמע באַרזשע — שאַרט זיך די נאַכטיקע שפּעט
צו ערגעץ אַ וויטן, אַ שטיינערנעם ברעג.

און ס'וואַכט אַלץ אין בעט נאָך די קליינע סוזעט,
ווי קיין שליטה אויף איר נישט געהאַט וואָלט די שרעק.

ווי וואַסער־געפּרעפּל אין פּעלדזיקן טאָל
איר שטים אומדערוואַרט זיך צעקלינגט,
און דעם צער אויף דער מאַמעס געזיכט מיט אַ מאָל
ווי ברענגן אַ ימיקע כוואַליע פאַרשלינגט:

מאַמע, די ווייסע קלייד אויף מאָרגן פאַרגרייט מיר,
וואָס דו האָסט אַליין אויף יום־טוב גענייט מיר.

אַ שמייכל דערבייַ אויפן פּנימל, פרישן צעשפּרייט זיך
ווי צו אַ שמחה זי וואָלט גאָר געגרייט זיך.
אַ רגע זי קוקט אויף דער מאַמען פאַרקלערט
און ווידער איר קול זיך אין שטיבל דערהערט:

מאַמי, איך וויל נישט, דער אָנקל אין סקול זאָל מיך פירן.
מיט ענאַבעל לו כ'וועל גיין אין דער פרי,
צו דער אַרבעט איר מאַמע פאַרטאָג לויפט ווי דו,

און פריינטלעך שוין יאָרן זי שפּילט זיך מיט מיר,
כאָטש די הויט איז אַ ווייסע ביי איר!

זייטיק די מאַמע אויף טאָכטער קוקט פרעמד:
פון וואַן זיך צו קינדער אַ מוט אַזאַ נעמט?
צום בעטל מיט טריט, מיט פאַרלאָרענע שפּאַנט זי
און גלעט מיט אַ מידער, צעווירעטער האַנט זי:

שלאָף שוין, מיין זיסקייט,
שלאָף שוין, מיין קרוין,
אַ האַלבע נאַכט פאַרשוואונדן איז שוין,
נו, מאַך שוין, מיין סו,
די אייגעלעך צו,
שלאָף־זשע, שלאָף־זשע, שלאָף שוין איין,
אַ טאָג עס וועט מאָרגן אַ זוניקער זיין,
ענד יו, מיי דאַרלינג, וויל רייז ענד שיין,
רייז ענד שיין.

אין דרויסן עס שפּילט זיך אַ ווינט מיט דער נאַכט
און צעפּלעך אין ווערבעס אין יונגע פאַרפלעכט ער.

ס׳האָט ווער אויפן קול זיך אין געטאָ צעלאַכט
און ס׳קייקלט פון דאַך זיך צו דאַך אַ געלעכטער.

די לבנה אַוועק איז פון שטיבל שוין לאַנג
און שלאָפן עס גייט שוין אפילו דער ווינט,
נאָר ס׳צאַנקט נאָך אין געסל דאָס דינע געזאַנג
פון מאַמען אַ מידער ביים בעט פון איר קינד:

אויף אַ פעלדז שטייט אַ שלאָס
מיט אַ דאַך פון קאָרן;
און שעפסן דרימלען אויפן גראָז
שוין אַזוי פיל יאָרן,
שוין אַזוי פיל יאָרן.

אין דעם טאָל שטייט אַ בוים
מיט פאַרגעלטע בלעטער,
און צו פייגל נאָר אין רוים
פון זיין גורל רעדט ער,
פון זיין גורל רעדט ער.

קומען בייזע ווינטן דאָרט
און זיין צווייט צעבלאָזן,
ווען זשע וועט ער בליען, לאָרד,
אויב דו וועסט זיי לאָזן,
אויב דו וועסט זיי לאָזן.

„נו שלאָף שוין, מיין אוצר, נו, שלאָף שוין, מיין רויז!“

און ס׳לעשט זיך דאָס לעמפל אין כאַטקעלע אויס.

VIII

עס ברענט שוין דער שטיינערנער אויוון אין הויף,
און ס׳זידט שוין דער אייזערנער טאָפּ אויפן גווינט.
אויף שטיגן, פון רעגן נאָך פייכטע, לויפן אַראָפּ און אַרויף
דעם דזשענעטאָרס ווייסע קודלאַטע צווי הינט.
ביים טויער, באַוואַקסן מיט, צווייג אויף א צווייג, אָלעאַנדער,
מיט טאַטן די טאָכטער איז גרייט שוין צום גאַנג,
די מאַמע, פאַרטראַכט אויף דער אָפּענער, לאַנגער ווערענדע,
א ווינשטול, א ליידיקן וויגט מיט דער האַנט,
ווי דאָרטן עס וואָלט נאָך דער זיידע געזעסן,
דער שטיינהעקער פּאַרסן,
וואָס וועגן דורך בערג האָט געדרילט פאַר דער באַן,
ווען ס׳איז נאָך די באָבע א שקלאַפין א יונגע געוועזן,
און ס׳האָט איר די פרייהייט געקויפט
פונעם „מאַסטער" איר מאַן.

מיט אויגן פאַרצאָגטע און ברעמען פאַרצויגענע צוויי,
ווי ס׳וואָלט זיך די מורא פון דורות געשפּיגלט אין זיי,

מיט הענט אויסגעשטרעקטע און בעטנדיק קול
דער טאָכטער זי וואָרנט שוין ס'זיבעטע מאָל:

גערענק מיין ליבלינג, נישט קוק אין א זייט,
נישט קוק צוריק,
נידעריק די שטים און הויך דעם קאָפּ,
זאָלן זיי לאַכן,
שפּאָטן, שפּייען,
דו ענטפער קיין וואָרט,
גיי, ווי געגאַנגען וואָלסט גלייך צו דעם לאָרד!

— — — — — — — — — — — — —

מיט זון אויף די קעפּ און מיט צערטלעכע בליקן
דזשים און זיין טאָכטער דער מאַמען פון ווייט
„גודבאַי" נאָך א לעצטן איר שיקן.

אין געסלעך פאַרשוואונדן שוין ביידע,
פון קליידל דעם ברייטן, מיט ראָזעווע קווייטן
קיין שפּור שוין אפילו,
נאָר ס'מורמלט נאָך פאָרכטיק די מאַמע ביים וויגשטול איר תפילה:

אַ, פֿאָטער אין הימל,
אין שעה פֿון געפֿאַר דײַנע קינדער באַשיץ און באַשירעם,
אונטער די פֿליגלען דײַנע
נעם זיי און פֿיר,
און ברענג זיי צוריק, בשלום צו מיר!

— — — — — — — — — — — — —

ס'איז שטיל נאָך אין גאַסן, ס'איז אימהדיק, לער,
ערגעץ־ווו ליאַרעמט פֿאַרצווייפֿלט אַ האָרן.
אַ ווינטל, אַן אײַנזאַמס, פֿון טײַכן פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער,
שאַרפֿעט אַרום זיך פֿאַרלאָרן.

לאַנגזאַם רוקן זיך שטאָטישע וויזערס,
און רגעם אויף פּנימער זייגערשע, קאַלטע פֿאַרשרײַבן.
ס'גליטשן זיך נאַכטיקע שאָטנס אַראָפּ שוין פֿון הײַזער,
און טירן צעקרעכצטע דעם דרימל פֿון שוועלן פֿאַרטרײַבן.

מיט געמאָסטענע טריט דער דזשענטעטאָר גייט,
ווי לאַנג שוין צום גאַנג ער וואָלט זיך געגרייט.
די ליפּן פֿאַרקאַרבט, די אויגן פֿאַרשטאַרט.

נאָר עפּעס אין האַרצן דריקט אים און שפּאַרט,
ווי פּרי היינט מען וואָלט אים געקאָרמעט מיט בליי.
דאָס רעקל ער עפנט, פאַרשפּיליעט אויפסניי,
דעם שניפּס ער מאַכט לויז, צוריק אים פאַרציט
און פעסטער ער זעצט אויפן שטיין מיט די טריט.
אַ שוכבענדל שלעפּט זיך אים נאָך אין צעבינד,
נאָר בויגן זיך דזשים וועט אין גאַס נישט אַצינד.
די פינגער פאַרשטייפטע אין פויסטן ער האַלט,
ווי אַליין אין דער פינצטער ער וואָלט אין אַ וואַלד
דורךביימער געדיכטע געזוכט איצט אַ וועג...
נאָר פּלוצים דאָס קול פון דער טאַטער אים וועקט:

נו, טאַטע,
איז וואָס, אַז מיט ווייסע כ׳וועל גיין שוין צוזאַמען,
וועט בייטן דערפון זיך מיין הויט?
וואָס טויג מיר דאָס לערנען,
אַז מער פון אַ דינסט קאָן איך סיי ווי נישט ווערן?

נאָר דזשים קוקט פאַרוואונדערט אויף איר און פאַרטראַכט,
ווי ער וואָלט פון צייטן און יאָרן אַ חשבון געמאַכט:

איך הייץ שוין די אויוונס באַלד פיר צענדליק יאָר,
אויף פעלדער,
אין הייזער,
נאָר שלעפּ און באַדין,
און אַלץ וואָס איך בין — אַ דזשענעטאָר נאָר.

און דיין זיידע, דער אַלטיטשקער לענג,
וואָס וואַלגערט זיך היינט אין דעם שענק,
אַ מאַלער זיין האָט געוואָלט,
מיט גאָלדענע הענט געצייכנט, געמאָלט.
און סימסן, דיין אָנקל,
אַ מוזיקער ווערן געטרוימט,
היינט פּוצט ער די פערד, די שטאַלן ער רוימט,
און ליגט טאָג און נאַכט אין בערינגווילס מיסט.
מיט וויסן, מיין, קינד, נישט זיין וועט מען דאָס,
וואָס מען איז.

— — — — — — — — — — — —

מיט ביכער אין האַנט אַ קינד איז פאַרביי
און פריידיק אין גאַנג אַ זאָג געטאָן: „היי!“

אַ פענצטער אַנטקעגן געעפנט האָט ווער,
און אַ וואַרעמער, ברייטער „גוטמאָרגן“
דערגרייכט האָט צוביידן אַהער.

„גוטמאָרגן“, „גוטמאָרגן“ געענטפערט האָט דזשים,
אַראָפּ איז דער שטיין פונעם האַרצן ביי אים.
לייכטער ביי ביידן געוואָרן דער טראָט,
ווי גאַנץ ליטל־ראָק וואָלט „גוטמאָרגן“ געזאָגט.

ס'געהערט, מיין טאָכטער, ס'געהערט ?
ס'ליגט נאָך דער הימל פאַר אונדז נישט אויף דר'ערד.

מיטן מיידל ביים האַנט גייט דזשענעטאָר דזשים,
ווי ס'וואָלט זיין גאַנצער שטאַם מיט אים
געגאַנגען איצט אין זעלבן שפּאַן.

און דוכט זיך, פון די אַזאַרק־בערג,
וו שניי אויף פעלדזן־קעפּ נאָך ליגט,

פון דער לויפנדיקער באַן
עם רעדט דער זיידע נאָך צו אים:

גיי, גיי, גיי מיין דושים,
באַרג אַרויף,
באַרג אַרויף,
אַהין,
ווו די זון
אין פרימאָרגן גייט אויף!

IX

די זון האָט מיט ריחות פון רייפן סעפּטעמבער,
אַזוי ווי אין שטעט און אין דערפער פון אַנדערע לענדער,
די קינדער אין ליטל־ראָק־סקול היינט געפירט,
מיט פּינדזל, ווי שטענדיק, געפאַרבט און באַצירט
די פּנימלעך ווייסע און שוואַרצע צוגלייך,
ווי ליליעס די ברוינע און העלע אין טייך.

פון אָפענע טירן, פון שויבן צעפּראַלטע
באַגלייט האָבן מאַמעשע בליקן צעשטראַלטע,
און טריט אויף די וועגן פון יעטוועדן קינד
מיט ליבשאַפט באַדעקט און מיט טרוימען באַשפּינט.

מיט ביכער, מיט העפטן און ליכטיקע אויגן
עס זיינען פון היימען די קינדער געפלויגן,

און שטיין דאָרט געבליבן ביים סקול אין געשטוין
אַנטקעגן אַ ווילדן צעברומטן המון.

— — — — — — — — — — —

אַ וויסטער געווירבל מיט שטיינערנעם זאַט
פאַרזייט האָט מיט צאָרן די גאַסן פון שטאָט.

אַ טייוולשער טאַנץ פון ווייסע סקעלעטן
אין קילע מונדירן, אין גלאַנץ פון סטילעטן,
אין שולהויף ניין קינדער האָט בליץ־שנעל באַגעגנט,
און יונגינקע קעפּלעך מיט שנאה באַרעגנט.

— — — — — — — — — — —

מיט וואָלפישע אויגן צעשויבערטע מוידן
וואַנזיניק פּאַטשן מיט הענט אויף די פּלויטן,
די וויינטן מיט גרילציקע קולות זיי וועקן
און רופן בויאַנעס אהער צו געשלעגן.

מיט בלעטער פון העפטן צעפליקטע באַשאָטן,
פון זוילן, פון שטעקנס צעשטויסן, צעטראָטן,

אַ מיידל זיך ראַנגלט ביינאַנד מיטן טאַטן
הינטער די פּלייצעס פון ווייסע סאָלדאַטן.

אַנטקעגן אַ שומיקן, ווייסן געשפּיי
קינדערלעך שטייען, שוואַרצהויטיקע, דריי,
די העלדזער פאַרריסן צו פייגל אין סטאַיעס,
ווי פליגל זיי וואָלטן געזוכט צו אַנטלייען.

אַ מיידל מיט ביכער אין האַנט פּליט אויף ראַגן,
ווי צווייגל אַ גרינס פון אַ וויכער געטראָגן,
און יונגען אַ באַנדע מיט שטיינער נאָך איר,
ווי יעגער אין וואַלד נאָך אַ יונגן טאַפּיר.

אַ ווינטל מיט דופטן פון פעלדער נאָך שניט
דעם וועג איר מיט קופּערנע בלעטער באַשיט,
אויף גלידער דאָס ווייסע צעריסענע קלייד —
ווי פּאָן, אַ געשענדטע, אויף שלאַכטפעלד צעווייט.

עס רויטלט דער ברוק זיך פון וויסטן געלאָף
מיט בלוט נאָך פון ערשטן, געפאַנגענעם שקלאָף,
דוכט זיך, ס׳געלויערטע נעגער־געשטאַלט
איז הונדערטער יאָרן שוין אַלט.

געפּלאָגט, ווי אַ סאַרנע נאָך לאַנגן געיעג,
זי פאַלט אויף אַ באַנק — אַ מזבח — אַוועק,
די טונקעלע ברילן מיט האַנט זי פאַרשטעלט,
ווי קוקן זי וואָלט זיך געשעמט אויף דער וועלט.

— — — — — — — — — — —

ווי פון אַ טויער אַ הויכן אין פלאַמען
אַרויס פונעם „מאַב" מיט אַ מאָל איז אַ מאַמע,
מיט שפּייז אין אַ קוישל, געפלאָכטן פון שטרוי,
אַ בלייכע מיט אויגן — צוויי פאַסיקלעך בלוי.
ווי דול און געפלעפט האָט געקוקט זי אויף זיי —
און געטאָן אַ געשריי:

הערט אויף! הערט אויף!

נאָר קיינעם די ווערטער דער מאַמעס דערגרייכן,
זיי זיינען צו כפלען דעם האַס נאָר אַ צייכן.

אין ריוו ליגט די מאַמע, מיט קאָפּ דעם פאַרגרויטן,
מיט מילך אין די פלעשער, מיט קעזן, מיט ברויטן,
און ווידער זיי יאָגן מיט רוחות מיט זיבן,
ווי בלינדע, פון אייגענעם אומקום געטריבן.

X

בענדזשימען סמיט, דער יונגער רעלסן־היטער,
צום ערשטן מאָל אין סקול פּירט היינט זיין פּיטער.
אין ראָק אין בלויען, מיט אַן איילעדיקן שפּאַן,
ווי אַרבעטן ער גייט אַ גאַנצע וואָך צום באַן.

אָנטקעגן זון מיט ווייעס נעפּלדיקע, קאַלטע,
דאָס קינדער־הענטל, ווי זיין ליכטיקע לאַמטערן, האַלט ער,
די אויגן פאַרכטיקע אין ווייטן ערגעץ קוקן,
ווי אויפן וועג ביינאַכט ביים אָנקומען פון צוגן.

ווי אַ פרעגט זיין האַנט פאַרפראָרן איז און האַרט,
נאָר פונעם הענטל קליינס אַ שטראָם אַ הייסער שפּאַרט
און גיסט זיך אין זיין בלוט אַריבער פונעם קינד,
ביז לאַנגזאַם אים פון לייב די פראָסטיקייט פאַרשווינדט.

און ליכטיקער עס ווערט אים דאָס געמיט דערפון,
מיט בליקן זייטיקע ער קוקט אַראָפּ צום זון,
און קעפל קרויזיקן די פינגער פלינק צעפירט ער
און שולדיק קעגן אים זיך מיט אַ מאָל דערשפירט ער:

די באַן געדענקסטו, די עלעקטרישע, ביי דזשיל און דזשאָן מעקפּאַרד?
איך וועל זי קויפן דיר אויף קריסטמעס, כ'גיב דיר, זון, מיין וואָרט.
און סקול נאָר גיי און פלייסיק דאָרט זיך לערן,
אַן אינזשיניער, מיין קינד, וועסט דו נאָך אפשר ווערן.

באַנען פירן אייזערנע דורך פרערים און טונעלן;
אַ שטאָלצער וועט דיין פאָטער זיין און ס'וועט דיין מאַמע קוועלן,
ווי אַ פרינץ ביים ראָד וועסט זיצן אויבן־אָן
און פירן שוואַרץ און וויים אין יעטוועדן וואַגאָן.

נאָר שטום איז דאָס יינגל, די ליפּן פאַרבייסט ער
און שמייכלענדיק, ס'קעפל צום טאַטן פאַררייסט ער.
אַ שטאָלצער ער קוקט אויפן ראָק מיט די קנעפּ,
און גייט, ווי ער וואָלט איצט אין וואָלקנס געשוועבט.

א זיכערער איז ער, ס׳וועט גאָרנישט פּאַסירן,
מען שלאָגט נישט קיין פּאָטערס אין נייע מונדירן.
„ווו זיינען זיי אַלע, די ווייסע טייוולאָנים,
וואָס וואַרפן מיט שטיינער אפילו אין חלום“.

היימלעכער ווערן די פרעמדע קוואַרטאַלן,
לוסטיקער שפּאַנט ער מיט נייע סאַנדאַלן,
העכער דאָס קעפּל ער ציט אויף די אַקסלען,
ווי ס׳וואָלטן אים פליגל גענומען איצט וואַקסן:

פּאַפּ, איז אמת, וואָס אָנקל בענעקער זאָגט,
אַז אין קירכן פון די ווייסע אין גאַנצן ארקענסאַ
איז לאַנג שוין, לאַנג דער לאָרד נישטאָ,
און תפילה טאָן דאָרטן עס האָט נישט קיין זין,
דערפאַר גייען קיין מאָל די נעגער אהין.

פרעגן א סך עס וויל נאָך דאָס קינד,
נאָר אַלץ ווי אין חלום פון אויג אים פאַרשווינדט.
עס גייט אונטער הויט אים אדורך אַזש א ציטער
און הויך אויפן קול צו זיין טאַטן שרייט פּיטער:

פּאַפּ! זע נאָר די מחנות, וואָס שטייען דאָרט גרייט,
זיי אַזוי פיל, און מיר זאַלבעצווייט!
זע נאָר, זע, ווי זיי שאַרן זיך אַלע אַהער!
און ריידן עס קאָן שוין דאָס ייִנגל נישט מער.

צערטלעך דער פּאָטער דעם זון זיינעם גלעט
און שטילער ווי שטענדיק צום ייִנגל ער רעדט:

נישט ציטער, מיין זון, נישטאָ זיך פאַר זיי וואָס צו שרעקן,
דער לאָרד איז שטאַרקער פון אַלע, וואָס קומען אונדז דאָרטן אַנטקעגן.
קיינער וועט דיך נישט באַרירן,
דער לאָרד וועט אונז היטן, דער לאָרד וועט אונדז פירן.
אויב מיך זאָלסט אין גאַנג דאָ פאַרלירן,
נישט בלייבן זאָלסט שטיין,
פאָרויס נאָר, פאָרויס,
זאָלסטו גיין!

נאָר איידער דער פּאָטער האָט ווערטער די לעצטע געזאָגט אים,
עס האָט שוין די מחנה די ווייסע דעריאָגט אים.

מיט שטעקנס, מיט פויסטן באַפאַלן זיי האָבן די צוויי,
און ס'ליגט שוין דער טאַטע אין ריוו אונטער זיי,
מיטן ראָק, מיט די קנעפּ, אַ פאַרבלוטיקטער קנויל,
נאָר אָפן ביי אים איז אַלץ נאָך דאָס מויל,
ווי עפּעס נאָך זאָגן ער וואָלט זיך באַמיט
צום קליינעם פאַרוווּנדערטן פּיט.

— — — — — — — — — — — —

ווייסער געלעכטער,
אויגן־געבליץ,
שטאָלענע שטיוול,
גומענע שמיץ.
און אַ יינגל אין מיטן
אַ מבול פון צאָרן
רייסט זיך פון קלעם און שפּאַרט זיך אַרויס
מיט שוויים און מיט קויט,
מיט זאַמד און מיט בלוט,
ווי די ערד וואָלט אים נאָרוואָס געבאָרן.

צו די קינדער פון ליטל־ראַק

קינדער, איר שוואַרצהויטיקע, אין געטאָס פינצטערע פאַרשפּאַרטע,
פון ליבע לאַנג פאַרשטויסענע, פון האַס געשרפעט און געבריט,
ווי קנאָספּן שטייפע דורך די פלויטן הויכע, האַרטע,
צו דער זון, פאַרעקשנטע, איר דראַפּעט זיך און ציט.

מיט ליפּן דורשטיקע און אויגן טיפע, העריעכע
די נעכט, איר, ווי טונעלן לאַנגע, מיר באַגלייט;
און קוקט אין האַרצן מיינס אַריין מיט בליקן ערלעכע,
ביז ווייט די פינצטערניש רוקט אָפּ זיך און פאַרגייט.

ווי זעגלשיפלעך איינזאַמע, וואָס ציען זיך צום ברעג,
פון שטורעמס ימיקע געשליידערט און געטריבן,
דורך שנאה־שטראָם איר ווייזט. פאַרלאָרענע, דעם וועג,
און לערנט הערצער איינגעשרומפּענע צו גלויבן און צו ליבן.

קינדער, איר שוואַרצהויטיקע, מיט נויט און פינצטערניש געפלעגט,
איר וועט מאָרגן פרייד אין לאַנד מיינעם געבערן,
ווען זיצן יעדער מענטש ביי טישן וועט מיט ליבע פול געדעקט,
און לייכטן אויף דער ערד וועט, ווי אין הימל, יעדער שטערן.

די באלאדע פון ליטל־ראק

I. און געוואָרן דער שקלאַף איז פריי...

II. זון־אויפגאַנג איבער ליטל־ראק

III. די נאַכט פון 2־טן סעפּטעמבער

IV. דער מיטינג פון ווייסן בירגער־קאַנסיל

V. ראָק־און־ראָל

VI. אין הויז פון רעווערענד בענדזשימען פלין

VII. אין שטוב ביי דער לענגסטן־אלמנה

VIII. דזשים דער דזשענעטאָר און זיין טאָכטער

IX. דער פרימאָרגן פון 3־טן סעפּטעמבער

X. בענדזשימען סמיט

XI. צו די קינדער פון ליטל־ראק

פאַרטייטשונג פון אַמעריקאַניזמען

אַרקענסאָ — טייך, ביי וועלכן עס ליגט ליטל־ראָק.
שיפּאַן־שירעם — שירעם פון דינעם, דורכזיכטיקן שטאָף.
מייפּל־זאַפּט — זאַפּט פון אַ בוים.
האַנקאָם — אַ בלום.
פּאַפּלער־בוים — טאָפּאָל.
קאַנסיל — בירגער־ראַט.
לאָרד — גאָט.
לואיסוויל, שענדלאַר, נעשוויל — שטעטלעך לעבן ליטל־ראָק.
קלען — קו־קלוקס־קלען.
ראַיאָטן — פּאָגראָמען, איבערפאַלן.
רעווערענד — פּראָטעסטאַנטישער גלח.
שערקראָפּער — אַרענדאַטאָר.
טראַק־טרייבער — שאָפער פון לאַסט־אויטאָס.
ענד יו, מיי דאַרלינג, וויל רייז ענד שיין — און דו, מיין טייערע, וועסט אויפשטיין און לויכטן.
דזשענעטאָר — הויזוועכטער.
מאָב — המון.

ביכער פון זעלבן מחבר:

„אינמיטן וועלט" (לידער) — ניו־יאָרק, 1944
„הימל און ערד" (לידער) — ניו־יאָרק, 1948
„מיטן פּנים צום לעבן" (רייזע־איינדרוקן) — פּאַריז, 1952
„מיט אויגן אָפענע" (לידער) — בוענאָס־איירעס, 1955